**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ערשטע זיצונג פון די ניו יארק סאָבוועי און טראנספארטאציע זיכערהייט איינהייט**

***גאווערנער'ס אפיס רופט צוזאם זיצונג מיט דיסטריקט אטוירניס, געזעץ אינפארסירונג, סיטי האָל און MTA***

***נייע איינהייט געעפנט אלס טייל פון גאווערנער האקול'ס פינף-נקודות'דיגע סאָבוועי זיכערהייט פלאן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די ערשטע זיצונג פון די ניו יארק סאָבוועי און טראנספארטאציע זיכערהייט איינהייט (New York Subway and Transit Safety Task Force). די עקזעקיוטיוו טשעימבער האט צוזאמגערופן ניו יארק סיטי'ס פינף דיסטריקט אטוירניס, פירער פון די ניו יארק סטעיט פאליציי און ניו יארק סיטי פאליציי דעפארטמענט, ניו יארק סיטי פובליק זיכערהייט בעאמטע און די מעטראפאליטען טראנזיט אויטאריטעט צו קאארדינירן אן אפרופנונג צו לעצטיגע אינצידענטן אויף די סאָבוועי.

"פונקט ווי אלע ניו יארקער בין איך ערשיטערט פון די נעכטיגע שיסעריי אויף די A באן. עס קומט נישט פאר קיין איין סאָבוועי פאסאזשיר צו דארפן פארן אין מורא אז זיי וועלן זיין א קורבן פון א שיסעריי אדער שטעכעריי — און מיר נעמען אונטער קאארדינירטע שריט צו האלטן רייזנדע זיכער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די איינציגסטע וועג צו לייזן די לעצטיגע אויפשטייג אין סאָבוועי פארברעכן איז צו ארבעטן צוזאמען אריבער אלע שטאפלען פון רעגירונג. ארבעטנדיג צוזאמען מיט מעיאר עדעמס, פאליציי, פראקורירער און טראנספארטאציע בעאמטע, וועלן מיר זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער איז באשיצט."

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "אלס א געוועזענע טראנספארטאציע אפיציר, ווייס איך אז סאָבוועי זיכערהייט איז פובליק זיכערהייט, און ברענגען די גאנצע קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם צום טיש וועט נאר באַרייכערן אונזערע באמיאונגען צו האלטן מענטשן זיכער. פארברעכן איז אראפ אריבער די סיטי, אבער אונזער סאָבוועי סיסטעם איז די שליסל פאר מיליאנען ניו יארקער צו אנקומען צום ארבעט, אין סקול און צו זעהן באליבטע. מיר מוזן טוהן אלעס וואס מיר קענען טוהן צו זיכער מאכן אז זיי פילן זיכער, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שותפות."

די היינטיגע זיצונג ביי גאווערנער האקול'ס ניו יארק סיטי אפיס האט צוזאמגעזעצט פארשטייער פון ניו יארק סיטי פראקורירער, מערערע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן, סיטי האָל און די מעטראפאליטען טראנזיט אויטאריטעט (Metropolitan Transit Authority, MTA). דאס האט אריינגערעכנט די דיסטריקט אטוירניס אסאָסיעישען פון ניו יארק סטעיט (District Attorneys Association of the State of New York, DAASNY) – רעפרעזענטירט דורך די ארגאניזאציע'ס אריינקומענדער

פרעזידענט, סטעטן איילענד דיסטריקט אטוירני מייקעל מעקמעהאן – און אזוי אויך פארשטייער פון די מאנהעטן, ברוקלין, קווינס און בראנקס דיסטריקט אטוירני'ס אפיסעס. עס האט אויך ארייגערעכנט פארשטייער פון די ניו יארק סטעיט פאליציי, מעטראפאליטען טראנזיט אויטאריטעט פאליציי דעפארטמענט (Metropolitan Transit Authority Police Department, MTA) און ניו יארק סיטי פאליציי דעפארטמענט (New York City Police Department, NYPD). אנדערע באטייליגטע האבן אריינגערעכנט ניו יארק סיטי טראנזיט (New York City Transit) פרעזידענט, ריטש דעיווי, אסיסטענט דעפיוטי מעיאר פאר פובליק זיכערהייט, לואיס מאָולינע און די מעיאר'ס אפיס פון קרימינאלע יוסטיץ (Mayor's Office of Criminal Justice).

די סאָבוועי און טראנספארטאציע זיכערהייט איינהייט איז אוועקגעשטעלט געווארן אלס טייל פון גאווערנער האקול'ס פינף-נקודות'דיגע סאָבוועי זיכערהייט פלאן. עס וועט גענוצט ווערן צו פארבעסערן די קאארדינאציע צווישן געזעץ אינפארסירונג, טראנספארטאציע איינגעשטעלטע און דיסטריקט אטוירניס, מיט די ציהל צו קאארדינירן דאס מיטטיילן אינפארמאציע איבערן האלטן פאראנטווארטליך געפארפולע פארברעכער וואס חזר'ן איבער זייערע פארברעכנס. די פאראהאנדלונגען האבן אריינגערעכנט סטראטעגיעס פאר פארשטערקערטע און פריע קאארדינאציע אריבער און אינערהאלב בעראוס, סטראטעגיעס צו אפשטעלן אזעלכע וואס חזר'ן איבער פארברעכנס און זיך אפגעבן מיט אנגעלעגנהייטן פון באוויזן. כדי צו ארויסהעלפן מיט דעם פראצעדור, איז די MTA אויך אין דעם פראצעדורן פון אויפנעמען א נייע קרימינאלע יוסטיץ אדוואקאט צו העלפן די קורבנות פון פארברעכן אין די סיסטעם, און די MTAPD ארבעט אויף א נייע פריע ווארענונג סיסטעם צו אידענטיפיצירן איבערחזר'נדע פארברעכער פאר דיסטריקט אטוירני אפיסעס גלייך ביים אפנעמען די איינצלהייטן נאך אן ארעסט.

גאווערנער האקול'ס פינף-נקודות'דיגע סאָבוועי זיכערהייט פלאן האט אויך אריינגערעכנט 20 מיליאן דאלאר צו פינאנצירן SCOUT מאנשאפטן וואס שטעלן צו קעיר און סאָשעל סערוויסעס פאר מענטשן אין די סאָבוועיס וואס ראנגלען זיך מיט גייסטישע קראנקהייט; א פארמערונג פון 1,000 פובליק זיכערהייט איינגעשטעלטע צו ערגענצן די NYPD'ס ראנדאמאלע געפעק אונטערזוכונג באמיאונגען; א נייער געזעץ צו ערלויבן ריכטער צו פארבאטן איבערחזר'נדע פארברעכער פון נוצן די סאָבוועי סיסטעם; און צוגעיאגטע אינסטאלאציע פון זיכערהייט קאמעראס אין סאָבוועיס וואגאנען און קאנדאקטער'ס קאבינעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן